NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13205

BAY FORDN IN FABRIK

Joseph Opatoshu

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

בּאַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי

י. אָפּאַטאָשו

ביי פאָרדן אין פאַבריק

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC.

פארלאג
„נייע יידישע פאָלקסשול"
ווילנע
1933

MICROFORM

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי

י. אָפּאַטאָשו

ביי פּאָרדן אין פּאַבריק

פ א ר ל א ג
„נייע יידישע פאָלקסשול"
ו ו י ל נ ע
1 9 3 3

I. Opatoszu

BEJ FORDN IN FABRIK

1 9 3 3

Drukarnia F. Garbera, Wilno, Zawalna 25.

י. אָפּאַטאָשו

הונדערט און דרײַסיק טויזנט אַרבעטער. — יעדע פופציק סעקונדן ווערט פאַרטיק אַן אַווטאָ־מאָביל. — פיר הונדערט פאָרפאַלן אַ מעת־לעת. — יעדע דרײַ־פיר מינוט טראָגט מען אין שפּיטאָל אַרײַן אַ פאַרווונדעטן אַרבעטער. — די פאָרפאַלן אין פאָרדס פאַבריקן ווערן נישט פאַרצייכנט אין דער דעטראָיטער פרעסע.

הינטער דעטראָיט אין אַ ליכטיקער געבײַדע, וואָס איז ברייטער ווי העכער, ענלעכער אויף אַ מוזיי ווי אויף אַ ביוראָ, קלײַבן זיך מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. מע קומט אַהער אָנקוקן פאָרדס פאַבריקן. דאַכט זיך, נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל האָבן געווען אין דעטראָיט און איז נישט פאַרפאָרן אַהער. בלויז צווישן די דעטראָיטער תּושבים האָב איך באַגעגנט געבירטיקע, וואָס האָבן די פאַבריקן נאָך נישט געזען און זײַנען אַפילו נישט נײַגעריק זיי אָנצוקוקן. אין זײַן אייגענער שטאָט האָט מען פאָרדן נישט ליב. מע האַלט אים פאַר אַ פרעמדן, פאַר אַ קאַרגן, וואָס נישט נאָר ער קהלט זיך נישט, ער גיט אַפילו קײַן אָרנטלעכע נדבֿה אויך נישט.

יעדער באַזוכער מוז אונטערשרײַבן אַ פאַפיר, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען — צי ס׳וועט עפּעס פאַלן אין קאָפּ אַרײַן; אַ מאַשין וועט אַרײַנכאַפּן אַ פוס, אַ האַנט; פײַערדיקער שמעלץ וועט אויסברענען אַן אויג, אַ שטיק לײַב; אַן אויוון צי אַ קעסל וועט עקספּלאָדירן — וואָס פאַר אַ שלעק און פורעניות ס׳זאָל נישט טרעפן, קאָן קיינער נישט האָבן קײַן טענות צו דער פירמע.

אונטערגעשריבן, זענען מיר — מאַנסבילן, פרויען, קליינוואַרג — אַרײַן אין אַן אויטאָ, וואָס האָט געוואַרט פאַר דער קאַנטאָר. און ווי מע האָט זיך גערירט פון אָרט, האָט דער פירער אונדזוערער, אַ דורכגעטרי־

*) צום 20־יאָריקן יובל פון י. אַפּאַטאָשוס שאַפן.

בענער שייגעץ, אָנגעהויבן צו זאָגן דעם פּיזמון זײַנעם, וואָס ער חזרט
איבער יעדע שָעה פֿאַר אַ נײַער פּאַרטיע באַזוכער.

— אַזויפֿיל און אַזויפֿיל טויזנטער אַקער לאַנד, אַזויפֿיל און אַזוי=
פֿיל טויזנטער טאָן קוילן...

דער אויטאָ האָט זיך געוויגט איבער אַ וועג, געגאָסן פֿון קאָנקריט,
און פֿון דעם שייגעצס זאָגעכץ איז מיר געבליבן אין די אויערן —
מיליאָנען=מיליאַסן, מיליאָנען=מיליאַסן.

אַרום און אַרום האָבן זיך געריסן געבײַדעס, הויכע, העכערע.
אָנגעפּיקעוועט מיט פֿאַרקאָפּטשעטע שויבן, מיט גלעזערנע דעכלעך און
דעכער. די געבײַדעס האָבן דערמאָנט די אַלטע וואָקזאַלן אין פּאַריז,
אין בערלין.

לאָקאָמאָטיוון האָבן געסאָפּעט, זיך געטראָגן מיט רוגזה, זיך גע=
וועקסלט פֿון איין פּאָר שינעס אויף אַ צווייטער, אַדורכגעוואָרפֿן שטי=
קער רויך, וואָס זענען זיך נישט צעפֿלויגן, נאָר געבליבן שטיין אין
דער פֿײַכטער לופֿט און האָבן געקרעלט אין האַלדז, אין דער נאָז.

ווי אַ וואָרף מיטן אויג — איבערגעוואַקסענע קוימענס פֿון גלאָז=
הוטעס און אײַזנגיסערײַען, הייב=מאַשינעס, צעהויקערט ווי קעמלען,
בערג קוילן, בערג זאַמד, פֿאַרזשאַווערטע שיף=סקעלעטן, וואָס ליגן
איינער אויפֿן צווייטן, איינער איבערן צווייטן.

דער אויטאָ האָט דורכגעשניטן די שינעס, געפֿאָרן איבער שמאָלע
וועגלעך, זיך פֿאַרקירעוועט אויף אַ בריק, וואָס איז געהאַנגען איבער
אַ לויפֿנדיקן וואַסער. שיפֿן מיט פֿאַרריסענע נעז, מיט אָנגעצויגענע
פּענער, שלעפּ=שיפֿן און שיפֿלעך אַ גאַנצער פֿלאָט איז געשטאַנען
פֿאַראַנקערט, און אַרבעטער ווי הײַשעריקן האָבן זיך געטראָגן פֿון
אַלע זײַטן, אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן סחורה. רויטע אותיות האָבן
געפֿלאַטערט איבער דער יַבָשָה, איבערן וואַסער, דערציילט וועגן דער
לעגענדע „פֿאָרד", וועגן דער מלוכה „פֿאָרד".

דער „פֿיויער" האָט אויפֿגעפּראַלט אַ טאָפּלטע טיר, און אַ זויערע
בוואָליע, וואָס האָט געשמעקט מיט שייד=וואַסער, זשאַווער, האָט אַ
וויש געטאָן איבערן פּנים, שווער געמאַכט דעם אָטעם.

ס'קלאַפּערײַ, ס'פּײַפּערײַ, ס'בויערײַ, ס'גראַגערײַ, וואָס איז גע=
האַנגען פֿאַר די אויגן ווי אַ נעפּל, האָט אויף אַ ווײַלע צוגענומען בײַ
מיר די ראִיה. ביסלעכווײַז האָבן זיך גענומען אויסשיילן רעדער, שווינדל=
טרעפּ, קריכנדיקע וואַרשטאַטן, שטאָלענע און קופּערנע קעסלען און
ווי אַ דריי מיטן קאָפּ — רערן, רערן, רערן. איבער דעם אַלעם האָבן

זיך געגאַרטלט ברייטע לעדערנע פּאַסן, זיך געוויקלט אַרום די מאָטאָרס, אַרום די רעדער, געקרעכצט אין די ווענט. די שויבן, די אָפּגעדעקטע עדערעם פון די געווערקן, אַפילו דער שטיינערנער דיל — אַלץ האָט געציטערט, זיך געטרייסלט.

כ'האָב זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ פוס, פאַר דער פּלייצע, דערפילט — ס'ברית, און כ'האָב זיך אומגעקוקט. מיר זײַנען געשטאַנען בײַ די ציגעלנע־אויוונס מיט די אָפענע פענצטערלעך, ווו טויזנטער טאָן קוילן האָבן זיך געשמאָלצן, זיך געגאָסן, און ס'פײַער האָט געפּלייצט, דערציילט, אַז ס'איז די נשמה פון אַלע פאַבריקן. כ'האָב געקוקט אין פײַער אַרײַן דורך אַ בלוי שטיק גלאָז, געטראַכט וועגן מיסטישן „נהר דינור" (פײַער־טײַך) און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס דער אַמאָליקער מענטש האָט שטענדיק געדינט צום פײַער, וואָס רייניקט יעדע שמוץ און בלײַבט אַליין ריין.

כמעט צום לעצט האָב איך דערזען דעם מענטש. אויסגעשמירטע פאַרחושכטע, שטייען די אַרבעטער אַרום די וואַרשטאַטן, אַרום די קעסלען, אַרום די אויוונס, זעען אויס קליין, נישטיק. יעדער האַלט אַ אַנדער אינסטרומענט, שטייט גרייט, וואַרט, דער קריכעדיקער וואַרשטאַט זאָל זיך דערנענטערן צו אים. דער וואַרשטאַט איז פול מיט רויע שטיקלעך מאָטאָרס. איינער לאָזט אַראָפּ אַ בויער־מאַשין, דער צווייטער פאַסט צו אַ שרויף, און איידער מע טוט אַ פינטל מיטן אויג — דאָס שטיק מאָטאָר פאָרט שוין ווײַטער. איין שטיק ווערט צוגעניטעוועט, צוגעשרויפט צום צווייטן, און איידער וואָס־ווען איז פאַרטיק אַ מאָטאָר.

די אַרבעטער שטייען איינער לעבן צווייטן, ריידן נישט, טשאַטעווען, באַפאַלן די רויע שטיקער אויטאָמאָבילן, ווי זיי האָלטן מורא געהאַט, די אָפענע פיסקעס פון די שנײַד־מאַשינעס, די פינקלדיקע בויערס, די פאַסן, וואָס וויקלען זיך, די אַלע משחיתים זאָלן אַמאָל נישט אַרײַנכאַפּן קיין האַנט, קיין שטיק קאָפּ.

אַרבעטער, וואָס פאָרען זיך אונטער די סקעלעט־אויטאָמאָבילן, שאַרן זיך אויף אויסגעבעטע וועגעלעך, וואָס זײַנען צוגעפּאַסקעוועט צום געזעס, רוקן זיך נאָך די וואַרשטאַטן ווי קאַליקעס.

ס'איז געווען מיטאָג־צײַט. יעדע פופצן מינוט האָט זיך געהערט אַ לאַנגער פײַף. אַרבעטער האָבן זיך געביטן. די, וואָס האָבן שוין געגעסן, זײַנען אויסגעוואַקסן אַרום די וואַרשטאַטן, און די הונגעריקע זײַנען זיך צעלאָפן, זיך צעשטעלט אַרום די בלעכענע קעסלען מיט פאַריקן עסן. מע קויפט שיסלען זופּ, פלעשלעך מילך, „אויך־מיר־ביר", פּוטער־ברויטן.

דאָס פּײַפן שנײַדט זיך אַרײַן אין חלל, שרײַט איבער דעם גע־פּילדער. אָן אַ זײַט שטייט אַ דאַרער פאַרשוין אָן הענט. ביידע הענט זײַנען אָפּגעריסן ביז איבער די עלנבויגנס. ער האַלט אַ פּײַפל אין מויל און גיט סיגנאַלן.

מײַנער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט זיבן יאָר געאַרבעט בײַ פּאָרדן אין די פאַבריקן, ווײַזט מיט אַ פינגער אויפן סיגנאַליסט:

— פאַרלירט מען בײַ פאָרדן אַ האַנט, אַ פוס, צי גאָר ביידע הענט, איז מען פאַרזאָרגט מיט אַ שטעל אויפן גאַנצן לעבן.

אָן אויפזעער איז אונטערגעקומען, דערקענט מײַן באַקאַנטן. מע האָט אונדז פאָרגעשטעלט. דער אויפזעער האָט מיר אַרײַנגעשטעקט אַ קנאָך מיט צוויי פינגער און צוגעגעבן:

— אַ בוי־מאַשין האָט עס אָפּגעריסן.

— האָט איר כאָטש געקראָגן גוט באַצאָלט?

— פאָרד האָט זײַן פרײַז — האָט דער אויפזעער געשמייכלט — צוויי הונדערט דאָלער פאַר אַ פינגער.

— אַזוי ביליק?

— פאָרד טַענהט, אַז ס׳קומט גאָרנישט—דאָס גיט ער פון גוטסקײַט.

— אַזוי האָט ער אײַך געזאָגט?

— ווער רעדט מיט אים? ווער זעט אים? כ׳אַרבעט שוין דאָ פופצן יאָר, האָב איך פאָרדן דרײַ מאָל געזען. ס׳ערשטע מאָל איז ער געקומען מיט אַן ענגלישן פרינץ, ס׳צווייטע מאָל מיט טשאַפּלינען און ס׳דריטע מאָל איז ער געקומען מיט עפּעס־אַ רוסישן פרינץ.

דער אויפזעער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צערעדט און האָט אונדז געלאָזט שטיין, מיר זענען צוגעקומען צום אַרויסגאַנג. אויפן וואַרשטאַט איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטיקער אויטאָמאָביל, אַן אָפּגעלאַקירטער, אַ פינקלדיקער. די רעדער זענען אַרויף אויף די שינעס. מע האָט אַרײַנגעגאָסן געזאָלין, אָנגעשרויפט דעם מאָטאָר און דער „גולם" האָט באַקומען לעבן, אָנגעהויבן סאָפּען. דער אויטאָמאָביל איז אַרויס מיט אַ פײַף פון דער פאַבריק, זיך געטראָגן איבער אַ ליידיקן פלאַץ אין אַ ראָד.

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ רַחמנות אויפן מענטש, וואָס בויערט לעכער, שרויפט שרײַפלעך פיר און צוואַנציק שָעה אין מעת־לעת. ווערט טעמפּ נאָך פינף, זעקס יאָר אַרבעט, אַבי פאָרד זאָל אויספירן זײַן משוגַעַת, אַרויסוואַרפן אין ווייניקער ווי אַ מינוט, אַן אויטאָמאָביל.